# אריינפיר

## דב סדן

דוד לאַבקאָווסקי איז אַ פּנים חדשות צווישן מאָלער-געזעמל ביי אוּנדז אין לאַנד, ווּ ער געפינט זיך נישט לאַנג, ערשט אַ יאָר צייט, און שוין איז קאָנטיק דער קאָנטוּר פוּן זיין אויפטוּ, וואָס באַשטייט אין אַ באַזוּנדער שליחות — אָפּצוּראַטעווען דאָס קלסתר-פּנים פוּן אַ יידישער קהילה, ווי זי האָט זיך איינגעגראָבן אין דער נשמה און אין אויג פוּן איינעם, וועלכער איז אין איר אויסגעוואַקסן און פוּן איר אַרויסגע-וואַקסן, און האָט זי דוּרכגעלעבט סיי אין איר באַשטאַנד סיי אין איר פאַרגיי, און קוּמט זי איצט וויזן ווי אַ מאָנוּמענט, און אַ גדעכעניש פוּן אַ שטאָט-און-אַ-מאַמע אין ישראל. שווער איז די קללה פוּן פאַרלענד, נאָך שווערער איז די קללה פוּן טאָפּל-פאַרלענד, אָט יענע קללה, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר יהושע און איבערגעחזרט אין ירמיהס נבואה און אין זיין קלאָג: עס זאָל נישט בלייבן קיין שריד ופליט, משמע: עס זאָל נישט אָנטרינען איינער, וואָס וועט קאָנען עדות זאָגן: איך דער מאַן האָב געזען. עס הייסט: ברוגז רחמים תזכור, און ווי אַ טריף מיטלייד אין שטוּרם פוּן צאָרן איז דאָס מעסטל חסד פוּן ויבוא הפליט ויגד, עס איז געקוּמען דער אָנטרוּנענער און האָט דערציילט; און נישט אוּמזיסט האָבן אוּנדזערע חכמים געהאַלטן, אַז דער פליט איז געווען יענער ריז עוֹג; דען באמת פאָדערט דאָך די אויפגאַב פוּנעם פליט אַ גוואַלטיקן כוח; און אויב פאַרצייטנס האָט מען אים באַ-טראַכט פאַר אַ פיזישן כוח, באַטראַכטן מיר אים היינט פאַר אַ פסיכישן כוח, עס איז דער כוח נישט בלויז צוּ ז ע ן נאָר אויך ו ו י י ז ן די עצם-קאַטאַסטראָפע.

ירושלים-דליטא האָט זוכה געווען צוּ יענעם מעסטל חסד, אין דער געשטאַלט פוּן אירע פליטים, וועלכע קריצן אַזוי ווּנדערלעך אוים די פיזיאָגנאָמיע פוּן איר לעצט, און דעם לעצט פוּן איר פיזיאָגנאָמיע; דערהויפּט יענע, וועלכע האָבן זיך געכאָוועט אין ליטעראַטן און מאָלער קרייז „יוּנג ווילנע”, ווי אַ שטייגער, אירע דיכטער אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע. און כדי מקיים צוּ זיין דעם חכמ׳ס זאָג, טוב מראה עינים מהלך נפש (עס איז בילכער דער זע פוּנעם אויג איידער דער גאַנג פוּן געפיל), איז איצט צוּגעקוּמען איינער פוּן יענער חברה, אוּנדזער מאָלער, און האָט אויף זיינע לייוונטן אַרויסגעבראַכט אירע גאַסן און געסלעך, אירע הייף און מערק, אירע בתי-מדרשים און בית-החיימ׳ס, אירע אָריגינאַלן און טיפּן, אירע פיינען און די קאָנצענטר-לאַגערן און איר גאַנג צוּ די אוּמקוּם-לאַגערן; דאָס ליכט פוּן אירע פּני (פאַרגלייכט די אָפענע אָנדערשקייט און די פאַרהוילענע איינקייט, די איינקייט פוּן יידישער און מענטשלעכער גרויסקייט, אין דער איינגעשרוּמפּענער און ציטריקער פיגוּר פוּן ד״ר ווייגאָדסקי און אין דער געשפּאַנטער און מאַסיווער געשטאַלט פוּן איציק וויטנבערג); אין איר טאָטאַליטעט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אויג פוּן איינעם וואָס האָט זי געזען בשעת די ליכט פוּן איר לעבן האָבן נאָך געלויכטן מיט זייער פלאַם און האָט זי ווידער-אַ-מאָל געזען בשעת די זרוּבעס פוּן אירע חורבות האָבן געצאַנקט מיט זייערע האָלאָוועשקעס.

אוי מה היה לנו, וויי וואָס איז אוּנדז געשען — גייט דער רוּף פוּן מקונן, וואָס זיין טרויער טראָגט אין זיך אַ פירפאַכיקן טעם, אַלץ לויט דעם אַרויסגעהויבענעם וואָרט אין פסוק. אויב דאָס וואָרט איז א ו י — איז עס דער טעם פוּן קרעכצנדיקן צער, וועלכער הילט איין די איבעריקע ווערטער; אויב דאָס וואָרט איז מ ה — איז עס דער טעם פוּן חורבן און זיין פריעריקן און שפּעטערן אַרוּם; אויב דאָס וואָרט איז ה י ה — איז עס דער טעם פוּן ביטערקייט איבער דעם געוועזענעם און נישט מער

פֿאַראַנענעם; אויבֿ דאָס וואָרט איז ל נ ו — איז עס דער טעם פֿון שטוינונג — ווי עס גייט די קלאָג: איז דען פֿאַראַן אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק. דער פֿירפֿאַכיקער טרויער איז אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע בילדער. וועלכע ווילן אויך אויף אויג אויפֿשטעלן געבייען און ווינקלען און נפֿשות פֿון שלום-עליכמ׳ס וועלט. אַנדערש געזאָגט: די וויזיע פֿון שפּעטער, באַשטראַלט מיטן ליכט פֿון איר אומעט און מיטן אומעט פֿון איר ליכט דעם פֿריער, גלייך ווי קאַסרילעווקע, ווי זי גייט און שטייט דאָ פֿאַר אונדז, האָט שוין געזען יענע בילדער, ווו דער מאָלער האָט געמאָלן דעם לעצט פֿון ירושלים-דליטא; אַזוי אַז קאַסרילעווקע, וואָס צאַפּלט אַראָפּ פֿון אָט די לייוונטן, לעבט און וועבט אין פֿאַראויסגעפֿיל פֿון איר אייגענעם גורל.

די דאָזיקע הויפּט-הנחה, צו וועלכער עס פֿאָרט זיך צו אַן אַנדערע הנחה — אַ קינד פֿון דער ריגאָראָזער גלות-ליטע נעמט זיך אילוסטרירן דערציילונגען פֿון אַ קינד פֿון דער קאָמאָדערער גלות-אוקראַינע — פֿאַרהעלפֿן אונדז צו פֿאַרשטיין די באַזונדערע אינטערפּרעטאַציע, וועלכע איז דאָ געגעבן געוואָרן שלום-עליכמ׳ן, זיין וועלט און זיינע באַשעפֿענישן: די פֿאַרטונקלטקייט פֿון האָריזאָנט אין די דומפּיקייט פֿון רוים, די דושנעקייט פֿון דער אַטמאָספֿער און די געפּרעסטקייט פֿון די נפֿשות; דאָס געדריי און געקרום, ווי אַ פּאָן אַרויסצוהויבן די מענטשלעכע טיפּאָלאָגיע, סיי פֿון גרופּן סיי פֿון יחידים; אַן אַרויסהויבֿ וואָס געשעט פֿון איין זייט, דורכ׳ן דערנענטערן פּונעם טיפּ און דורכ׳ן דערווייטערן פֿון זיין אַרום, אַזוי אַז דער טיפּ ווייזט זיך אויס גרעסער און זיין אַרום ווייזט זיך אויס קלענער; און פֿון דער אַנדערער זייט, דורך אַ בכיוונדיקן פֿונאַנדערטייל פֿון ליכט און שאָטן, סיי ווען עס האַנדלט זיך בולט צו מאַכן מנחם מענדלס פֿאַרקנאָדערטע ליידנשאַפֿט, סיי ווען עס האַנדלט זיך בולט צו מאַכן מאָטל פּייסים נאַאיווע אויפֿגעעפֿנטקייט. דער מאָלער האָט צוויי בייהעלפֿן אונדז צו ווייזן דעם עצם קוק פֿון שלום-עליכם — איינער, וואָס זיין צענטער איז דער באַשאַף פּונעם דיכטער, קאַסרילעווקע, מיט די אין איר פֿאַרוועבטע און פֿון איר אַרויסשפּראָצנדיקע געשטאַלטן; דער אַנדערער, וואָס זיין צענטער איז דער באַשאַפֿער פֿון קאַסרילעווקע און איר דיכטער — האַרציקע באַגעגנישן צווישן שלום-עליכם און זיינע פֿאַרשוינען, אין דריי דערשיינונגען. די ערשטע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף פֿון שלום-עליכם און טוביה דער מילכיקער ווי אַ צוזאַמענטרעף פֿון אַ העררער און אַ זאָגער; די אַנדערע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף צווישן דיכטער און דעם כלל-טיפּן זיינע, וואָס שטופּן זיך צו אים פֿון אַלע זייטן, גלייך זיי וואָלטן גערעדט מיט זייערע ליפּן און זייערע אויגן, יעדער אויף זיין לשון, בשעת דעם באַשאַפֿערס רחמנות גיסט זיך אויס אויף אַלע זיינע באַשעפֿענישן; די לעצטע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף פּונעם דיכטער מיט זיך אַליין, ווען זיינע באַשעפֿענישן בלייבֿן פֿאַרבאָרגן און פֿונדעסטוועגן זעט מען זיי טאָפּלט — פֿאַרבאַהאַלטן פֿון יענער זייט שטעג, וועלכער פּירט פֿון און קיין קאַסרילעווקע; פֿאַרבאַהאַלטן אין די קנייטשן פֿון זיין פּנים, אין שמייכל פֿון זיינע ליפּן, אין די פֿונקען פֿון זיינע אויגן, שטראַלן זיי אַרויס פֿון זיין נשמה, יענע גרויסע נשמה, אין וועלכער עס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אויבערשטע קלוגשאַפֿט אין אויבערשטע רחמנות, און וועלכערס געלעכטער איז ווי די צייטיקע פֿרוכט פֿון יענעם ווונדערלעכן צוזאַמענגאָס.

מגילת שלום-עליכם איז ווי מגילת אסתר, דאָ און דאָרט איז דאָס צענטראַלע וואָרט פּ ו ר אין זיין טאָפּעלן באַטייט, די שרעק פֿון גורל און די פֿרייד פֿון וויין, און די בילדער, וועלכע מיר האָבן איצט פֿאַר זיך, פֿאַרהעלפֿן אונדז זיין מגילה צו לייענען, ווי די מסורה הייסט, אַזוי אַז די פּסוקים-בֿרעקלעך: וכלים מכלים שונים, וואָס דערמאָנען דעם חורבן פֿון בית-המקדש, און: והעיר שושן נבוכה, וואָס דערמאָנען די צעטומלטקייט פֿון אַ קהילה יידן, און וועלכע ווערן דערפֿאַר געלייענט מיטן ניגון פֿון איכה, פֿאַרשלייערן אין טיול פֿון אומעט די גאַנצע מגילה.

תמוז, תשי״ט

# FOREWORD

## BY DOV SADAN

Thoug David Labovski is a newcomer to our artist circles, having been in Israel for barely one year, the impression of his most personal achievement can already be felt. For he has taken on himself a very special mission — the preservation of the image, the speaking likeness of Vilna as it etched itself on the eyes and soul of one who grew in it and grew out of it, who lived its life when it flourished and after it had perished; and who has now set out to present us with a memorial to that City-and-Mother-in-Israel.

There is a harsh, cruel curse of extermination; yet even more cruel and bitter is that curse of destruction upon destruction uttered in the book of Joshua, repeated by the prophet Jeremiah and found a third time in his Lamentations: "There shall be neither fugitive nor remnant." Which implies: There shall not even be a single one to come and testify, "I myself have seen it." For the latter situation has in itself something that is expressed in the prayer, "Remember mercy even in rage"; or more precisely, "In the storm of rage bear in mind the drop of mercy" — that minimal mercy which finds expression in the words, "And the fugitive came and told..."

Our sages, indeed, wished to indicate something to this effect when they explained that the fugitive who came and told Abraham that his nephew Lot had been captured was the giant Og king of the Bashan. For the very function and mission of the fugitive who comes to relate calamity requires a gigantic reserve of strength. And if our forerunners interpreted that strength in purely physical terms, we understand it as the spiritual strength to see, and the even greater strength to show, to present, the catastrophe.

Vilna, the Jerusalem of Lithuania, has been privileged to enjoy this lesser kindness thanks to those fugitives who so remarkably depict her last face and the face of her last days. This is true particularly of those who grew to maturity in the amply-endowed "Young Vilna" Movement, such as the poets Abraham Sutzkever and Hayyim Grade. And as though to fulfil the saying, "What the eye sees is better than what the spirit feels," the present artist, a member of their Group, has now come and recorded the streets and alleys of Vilna, her courtyards and markets, synagogues and tombstones, figures and types, her sufferings in concentration camps, last departure to the death camps and the radiance of her personalities. (Compare the surface difference and underlying identity of Jewish and human stature in the wizened and quivering likeness of Dr. Wigodski and in the tense and firm features of Itzik Wittenberg.) Here is Vilna, the whole of her, as the eye saw her when the lights of her life still shone bright, and as the same eye saw her when the last faggots and embers of her ruins were still glowing.

"Alas what befell us!" There are so many shades of meaning in that cry, fourfold according to which word is stressed. *Alas* — and the sighing moan of grief embraces the entire phrase. *What* — and we face the stupefying destruction that precedes and follows. *Befell* — and we taste the bitter rue for what has been and is no longer. *Us* — for the grief and loss are ours indeed, as declared in another lament, "Is there any grief like to mine?"

It seems to me that this manifold, this multiple, fourfold range of significance characterises the group of drawings presented herewith with the aim of restoring

to the visible eye some of the regions, the corners and the souls that found their place in the Universe of Shalom-Aleichem. In other words, the early days described by him are seen in the grieving twilight and twilit grief of those that were to follow. It is as though the Kasrilevka that still stood firm, as depicted here, had already seen the drawings by the same artist which portray the destruction of the Jerusalem of Lithuania; and hence the quivering unrest of Kasrilevka in these sheets before us seem, to presage her own fate too.

This basic assumption is strengthened by another, secondary one. The ornamentation, the "illumination" which the son of the grave and stern Lithuanian Exile provides for the tales told by the son of the spacious Exile of Ukraina helps us to comprehend the interpretation which he gives to Shalom-Aleichem, his universe and the creatures that inhabit it. See the gloomy horizon and murky sky, the dense atmosphere and crowded groups of people, the twistings and the twinings which serve as a background for stressing both group and individuals; a stressing which is aided by bringing the type shown well into the foreground and withdrawing the surroundings so that the subject looms large while all the rest is small. A similar use and for the same purpose is made of light and shade, whether the ultimate purpose be to stress the warped eagerness of Menahem-Mendel or the innocent shrewdness of Mottel the Cantor's son.

The artist has two methods for displaying the actual viewpoint of Shalom-Aleichem to us. In one the centre is occupied by the actual creation of the poet — Kasrilevka, whose characters are interwoven therein and grow forth from her midst. In the other it is the creator and chronicler of Kasrilevka who occupies the centre, in those delightful meetings of his with his characters. This is done on three occasions: The first the meeting between the narrator and one of his leading characters, wherein Shalom-Aleichem listens while Tuvya the dairyman holds forth. Next comes the meeting between the poet and that medley of characters who crowd about him on all sides as though speaking to him with their eyes and tongues, each after his own fashion; while his affection reaches out to them all. In the third the poet confronts his own self, his creatures invisible yet still doubly present — hidden beyond the path leading to and from Kasrilevka, and hidden equally in the folds of his face, in the smile on his lips and within the sparkling eyes whose radiance shines from his very soul, that great soul in which were commingled supernal wisdom and supernal compassion; and whose laughter is the ripe fruit of that wondrous commingling.

In the scroll of Shalom-Aleichem, as in the Scroll of Esther, the central theme lies in the ancient word *Pur,* with its ambivalent meanings: Fear of what fate holds in store; and the joy of wine as well. The drawings presented here aid us in reading Shalom-Aleichem's own scroll in accordance with the tradition of that other, earlier one. For in chanting the Scroll of Esther there are two phrases which are read in the cantillation mode of the Book of Lamentations. They are the phrases: "And the vessels were of diverse kinds," which is taken to imply that the vessels used at the feast of Ahasuherus included those taken from the Temple of Jerusalem at the Destruction by Nebuchadnezzar's men; and the other phrase, "and the city of Shushan was confused," which characterises any Jewish community that faces sudden peril. For these two phrases, as chanted by long generations of Jews, endue the entire joyous Narrative of Esther with a tinge of sorrow.

That is what David Labkovski has done with his illustrations to Shalom-Aleichem.

*Tamuz,* 5719, *Summer* 1959.